פון די טויטע, כדי מיר זאָלן ברענגען פּירות
צו ג־ט. וואָרום ווען מיר זענען געווען אינם
פלייש, האָבן די זינדיקע תאוות, וואָס זענען דורך
דער תורה, געווירקט אין אונזערע אבֿרים צו
ברענגען פּירות צו דעם טויט. איצט אָבער זענען
מיר פּטור פון דער תורה, זייענדיק געשטאָרבן וואָס
שייך דעם, צו וועלכן מיר זענען געווען געבונדן,
כדי מיר זאָלן דינען אין דער באַנייאונג פונם גייסט,
און נישט לויט דער אַלטקייט פונם אות.
וואָס וועלן מיר דעריבער זאָגן? אַז די תורה איז
זינד? חס ושלום! נאָר ווען נישט דורך דער תורה,
וואָלט איך נישט געוואוסט פון דער זינד; ווייל, וואָלט
די תורה נישט געזאָגט: דו זאָלסט נישט גלוסטן,
(שמות כ, יז.) וואָלט איך פון גלוסטן נישט געוואוסט;
און די זינד, געפינענדיק אַ סבה דורך דעם געבאָט,
האָט אויפגעוועקט אין מיר יעדע תאווה; וואָרום אָן
אַ געזעץ איז די זינד טויט. און אַמאָל האָב איך
געלעבט אָן אַ געזעץ; איז געקומען דאָס געבאָט,
האָט די זינד אויפגעלעבט, און איך בין גע־
שטאָרבן; און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס 1
געבאָט, וואָס האָט געזאָלט זיין צום לעבן, איז מיר
געוואָרן צום טויט; וואָרום די זינד, געפינענדיק 1
אַ סבה אינם געבאָט, האָט מיך פאַרפירט און דאַדורך
מיך געטייט. אַזוי אַרום איז די תורה הייליק, און 1
דאָס געבאָט איז הייליק און גערעכט און גוט. צי 1
איז דען דאָס גוטע געוואָרן פאַר מיר דער טויט?
חס ושלום! נאָר די זינד, כדי זי זאָל דערשיינען
אַלס זינד, ווירקנדיק פאַר מיר דעם טויט דורך
דעם גוטן;—כדי דורך דעם געבאָט זאָל זיך אַרויס־
ווייזן ווי זער זינדיק זינד איז. וואָרום מיר ווייסן, 1·
אַז די תורה איז רוחניותדיק; אָבער איך בין גשמיות־